בס"ד

תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תשפ"ו

גליון 278

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייַנער קוואַל

### וִוי שֵׁיין אִיז דָאס שִׁיכֶעלֶע

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב. מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַאֲכָלִים פוּן מַלְאָכִים, דִי מַצָּה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ אֱמוּנָה, אַזוֹי אוֹיךְ דִי פִּיר כּוֹסוֹת פוּן גְאוּלָה וִישׁוּעָה.

מִיר פַארְגֶעסְן נִישְׁט דִי הֲכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב וֶוען מִיר הָאבְּן טֶעג אוּן וָואכְן גֶערוֹימְט אוּן מְבַטֵּל גֶעוֶוען דֶעם חָמֵץ פוּן שְׁטוּבּ אוּן פוּן אוּנְזֶער הַארְץ.

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט אוּנְז מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן.

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אִינְמִיטְן דִי טֶעג פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר לָאמִיר זֶען אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (פסח ט) וְויאַזוֹי ר' נָתָן טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק "וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת".

אִין תּוֹרָה שְׁטֵייט וּסְפַרְתֶּם לָכֶם, דַרְשֶׁ'נֶען חֲזַ"ל 'לָכֶם - לְעַצְמְכֶם' אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ, פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט זַיין עִנְיָן אוּן זַיין מַצָּב אוּן עֶלְטֶער, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס דַאכְט זִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען בֶּעסֶער פוּן מִיר.

עֶס אִיז דָא אַ קְלֵיין תּוֹרָה'לֶע וָואס רוּפְט זִיךְ "אֶחָד הָיָ' אַבְרָהָם", וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער עִיקָר הִתְקַרְבוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אַז שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים א.ד.ג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט אוּנְז טַאקֶע אִין דֶער מַעֲשֶׂה פוּן חָכָם וְתָם אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען



אַ שׁוּסְטֶער אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מְלָאכָה פוּן שׁוּסְטֶעַריי אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זַיינֶע שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט פַארְקוֹיפְט הָאט גֶעהַאט דְרַיי עֶקְן, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין שִׁיךְ אוּן גֶעזָאגְט: "וִוי שֵׁיין אוּן וִוי זִיס אִיז דָאס שִׁיכֶעלֶע!", וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶעְר'ס נֶעמֶען דְרַיי גוּלְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ גוּלְדְן מִיט אַ הַאלְבּ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וַוייטֶער וָואס הָאבְּן מִיר צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע?".

זָאגְט ר' נָתָן אִין דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין אַפָּאר זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט תְּמִימוּת אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן בְּגַשְׁמִיוּת, וֶוען זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אַפָּאר מָאל דָאפְּלְט מֶער פוּן אִים, עֶסְן מִיט טְרִינְקֶען, בְּגָדִים אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע

גֶעבְּרוֹיכְן, דַארְף אַ מֶענְטְש זַיין זַייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט, אוּן זָאל זַיין אַן עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ.

דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען אַ אִינְגֶל זֶעט ווִי זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען חָשׁוּב'עֶר אוּן פִיל גְרֶעסֶער פוּן אִים אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, מֶער פוּן טוֹיזְנְט מָאל גְרֶעסֶער, טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן, אַזוֹי ווִי בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם תָּם, וָואס דִי שִׁיף מִיט דְרַיי עֶקְן אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן דַאוֶוענֶען, מִיט דֶעם אַלֶעם אֲפִילוּ אוֹיבּ דָאס דַאוֶוענֶען קוּקְט נֶעבֶּעךְ אוֹיס אָן אַ פָּנִים אוּן אָן אַ טַעַם דַארְף מֶען זִיךְ זַייעֶר מְחַזֵק זַיין אוּן מַאכְן אַן עֵסֶק דֶערְפוּן.

טְרָאץ וָואס מַיינֶע חֲבֵרִים קֶענֶען מִיךְ אָנְקוּקְן ווִי דֶער שְׁטָאטְ'ס נַאר, וֶועל אִיךְ צֵיילְן סְפִירָה פַאר מִיר אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה וָואס מֶען פַארְדִינְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זַיי אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תָּם אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּמִימוּת בֶּאֱמֶת אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

# איין מעשה'לע

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אוֹיסְדְרוּקְן אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע פֶּסַח גִלְיוֹן וָואס הָאט הַיי יָאר בַּאשַׁיינְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטִיבֶּער. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶה צוּ לֵיינֶען אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע אוּן דֶערְהוֹיבֶּענֶע זַאכְן. אִיר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַן עֹנֶג יוֹם טוֹב בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ.

חֲזַק וֶאֱמָץ!

אַצִּינְד ווִיל אִיךְ מִיטְטֵיילְן אַ קְלֵיינֶע מַעֲשֶׂה'לֶע וָואס אִיז בֶּאֱמֶת אַ גְרוֹיסֶע מַעֲשֶׂה, ווַייל אַז מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין דִי נִסִּים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז בַּיי יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט ווֶערְט מֶען מַמָּשׁ אִיבֶּערְרַאשְׁט.

עֶרֶב פֶּסַח הָאבְּן מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער אוּן אִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קוֹיפְן בִּיכְלֶעךְ אוּן אַ שְׁפִּיל צוּ קֶענֶען פַארְבְּרֶענְגֶען אִיבֶּער יוֹם טוֹב. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט דִי גֶעלְט דֶערְצוּ. פּוּנְקְט ווִי שְׁטֶענְדִיג, וֶוען מִיר בֶּעטְן עֶפֶּעס זָאגְן זַיי אַז מִיר זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין, אַזוֹי הָאבְּן זַיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנְט, "קִינְדֶער, זַייט מִתְפַּלֵל."

אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער קוּמְט מַיין טַאטֶע אַהֵיים מִיט אַ שְׁמֵייכְל. עֶר דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע צְוֶועק לְשֵׁם מִצְוָה. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ קָאמְפְּלִיצִירְטֶער אַרְבֶּעט וָואס אִיז וֶוערְד גֶעוֶוען $500. אוּן הַיינְט אַ יְדִיד אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַיין בַּאנְק קָאנְטֶע פּוּנְקְט $500 קִמְחָא דְפִסְחָא.

"פוּן אַ מִצְוָה דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט," הָאט מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט. אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען גֵיין אַיינְקוֹיפְן אוּנְזֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב!

חוֹל הַמּוֹעֵד הָאט מַיין טַאטֶע גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז דֶעם עֶרֶב יוֹם טוֹב אִיז אַרִיבֶּער אוּנְזֶער טִיר צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער שְׁקָלִים מַמָּשׁ פוּן הִימְל אַרָאפְּגֶעפַאלְן. "אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַרַיין ווִי אַזוֹי אַ אִיד מַאכְט פֶּסַח קֶען מֶען נִתְפַּעֵל ווֶערְן," הָאט מַיין טַאטֶע אוֹיסְגֶערוּפְן אִיבֶּערְרַאשְׁט. "סְ'אִיז מַמָּשׁ נִסִּים חוּץ לַדֶּרֶךְ הַטֶּבַע ווִי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעקֶענְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב מִיט מְצוֹת, ווַיין, עֶסְן, קְלֵיידֶער אוּן אַלֶע צָרְכֵי חַג. אַ גוֹי וֶועט עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין..."




אין קורצן פון פריער:

*נאך פיל לעכצעניש איז רבי נתן נתקרב געווען צום הייליגן רבי'ן. און ווי נאר ער האט געפונען דעם "נחל נובע" האט ער אים שוין נישט אפגעלאזט, נאר כסדר געפארן צום רבי'ן ביי יעדע געלעגנהייט טראץ די התנגדות פון זיינע נאנטע.*

*מיר האלטן אינמיטן אריבערגיין דעם "שנה ראשונה" פון רבי נתנ'ס התקרבות. אינעם פסח גליון האבן מיר איבערגעהיפערט א חלק און אריבער צום יום טוב פסח מיטן רבי'ן. אצינד וועלן מיר זיך צוריקקערן וואו מיר האבן אויסגעלאזט ווי רבי נתן לאזט זיך ארויס אין וועג מיט'ן רבי'ן צו באזוכן די חסידים ווי זיין מנהג – צוויי שבתים אין יאר צו פארן צו די חסידים.*

*פון ליניץ איז רבי נתן צוריק אהיימגעפארן קיין נעמירוב און דער רבי איז ווייטער געפארן אויפ'ן וועג קיין טשערין אויף שבת שירה און צוויי וואכן שפעטער - שבת משפטים איז ער געווען אין טראוויצע.*

אצינד ליינט ווייטער:

נאכ'ן פראווען א דערהויבענעם שבת מיט די געטרייע חסידים אין טראוויצע, האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט קיין מעדוועדיווקע, דאס וואוינארט פון זיין רביצינ'ס משפחה. די גאנצע שטאט איז געגאנגען אויף קעס און כלים, א קליינינגקייט?

ראש חודש ניסן איז באשטימט געווארן די גרויסארטיגע חתונה ווען דער הייליגער רבי וועט פירן אונטער די חופה זיין חשוב'ע טאכטער, הרבנית הצדיקת מרת **שרה** ע"ה מיט דער אויסדערוועלטער חתן רבי **יצחק אייזיק** ז"ל, דער זון פון דעם רבינ'ס געהויבענער חסיד, דער גביר רבי **ארי' לייב דובראוונער** ז"ל.

וועט רבי נתן זוכה זיין מיטצוהאלטן דעם היסטארישער חתונה, אדער וועט ער דאס דערלייגן?...

ווער נאך ווי רבי נתן באלאנגט ביים דערהויבענעם מאמענט ווען דער רבי מאכט חתונה זיין טאכטער? און רבי נתן אליין האט נישט געוואלט מוותר זיין אויף דעם. אבער וואס טוט מען מיט די התנגדות קעגן אים? ווי אזוי דרייט מען זיך ארויס פון פלאנטער און מען ווערט אנטרינען אן דעם וואס מען זאל אים נאכקוקן וואו ער גייט און וואו ער קומט?

מעדוועדיווקע איז ווייט פון נעמירוב, נישט ווי ברסלב וואס איז א צוויי שעה וועג צו פארן, אז מען קען נעלם ווערן פאר א טאג. צו פארן אזא לאנגע וועג ברויך מען אויסטראכטן א פלאן פון פאראויס אז מען זאל נישט לייגן א בייז אויג אויף אים.

רבי נתן האט שוין געטראפן א תירוץ צו ערלעדיגן

וויכטיגע ענינים לצורך פרנסה און די בני בית איז צופרידן געווען אז רבי נתן איז צוריק אריין אין די ענינים. רבי נתן האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג נאכצופארן דעם רבי'ן קיין ליניץ. נאכ'ן בלאנדשען צוויי וואכן איבער די וועגן איז ער ענדליך אנגעקומען קיין מעדוועדיווקע תענית אסתר ביינאכט נאך חצות הלילה. ווי גליקליך איז ער געווען ווען ער האט זוכה געווען צו פראווען דעם פורים מיט'ן רבי'ן.

נאך פורים איז דער רבי פארנומען געווארן מיט די הכנות צו זיין טאכטער'ס חתונה, אבער רבי נתן האט נאכאלץ געפונען יעדן טאג א צייט צו קענען כאפן א שמועס מיט'ן רבי'ן, וויסנדיג אז יעדע ווארט וואס קומט ארויס פון הייליגן מויל איז פערל און דימאנטן.

די חתונה איז פארגעקומען דאנערשטאג פרשת ויקרא, ראש חודש ניסן. ביי די שבת שבע ברכות שלש סעודות, האט דער רבי געזאגט גאר א טיפע תורה, זאגנדיג אז ער האט מגלה געווען די תורה נאר צוליב די שרעקליכע גזירה פון קאנטאניסטן וואס איז דאן געהאנגען איבער כלל ישראל.

דער רבי האט ארומגערעדט איבער די מפלה וואס וועט קומען אויף די גוי'ישע פעלקער, ווי עס שטייט אין פסוק: " כִּי אֶעֱשֶׂה כָלָה בְּכָל הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הֲפִצוֹתִיךָ שָּׁם אַךְ אֹתְךָ לֹא אֶעֱשֶׂה כָלָה (ירמיהו ל, יא) דער רבי האט צאמגעפלאכטן מיט דעם ענין פון "**כלה**" – פארבינדנדיג דאס ווארט **כָּלָה** צו **כַּלָּה**. אין דער תורה דערמאנט דער רבי דאס וואס די תורה רעדט צו אידישע קינדער: "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום." אז מען וועט זיך האלטן באהאפטן צום אויבערשן וועט מען לעבן. אויך האט דער רבי מקשר געווען די תורה מיט חודש ניסן אזוי אויך מיט די נעמען פון **יצחק** און **שרה** (ווי די חתן און כלה האבן געהייסן) און מיט נאך ענינים פון חתונה.

רבי נתן שרייבט:

*נאך וואס דער רבי האט געענדיגט זאגן תורה, האט ער געטאנצט א שטיק צייט פאר די כלה. דער וואס האט נישט געזען דעם רבי'ן טאנצן דאן, האט קיינמאל אין זיין לעבן נישט געזען קיין גוטס. כאטש מיר האבן געהאט די זכי' צו זען עטליכע צדיקים טאנצן פאר א כלה, איז דאס אבער נישט צום פארגלייכן צו דעם רבי'נס טאנץ. ווער עס איז דארט אנוועזנד געווען איז זיכער ערוועקט געווארן צו אן אמת'ע תושבה אויף אלע זיינע זינד. עס איז איבערהויפט נישט מעגליך צו באשרייבן דעם געהויבענעם מצב פון דביקות און שמחה וואס עס האט געהערשט דארט צווישן די באטייליגטע וואס זענען געשטאנען בשעת דעם ריקוד.*

דער רבי פלעגט טאנצן ביי זעלטענע געלעגנהייטן, אבער אין לויף פון יאר תקס"ג, ווען דער שרעקליכע גזירה איז געהאנגען אין די לופט, האט ער עטליכע מאל געטאנצט: שמחת תורה, שבת חנוכה, פורים און דערנאך ביי די שבע ברכות פון זיין טאכטער. דער רבי אליין האט עדות געזאגט אויף זיך: "דאס יאר האב איך אסאך געטאנצט..." נאכ'ן טאנצן האט דער רבי געזאגט עטליכע דערהויבענע תורות אויף די באדייט פון טאנצן און פאטשן מיט די הענט וואס עס איז דא אין דעם געוואלדיגע גרויסע און הייליגע סודות און מען קען דורכדעם ממתיק זיין דינים און צעשטערן שווערע גזירות ביי כלל ישראל.

דער רבי איז שוין געבליבן אין מעדוועדיווקע אויף איבער פסח, ווי געשילדערט אין פסח גליון.

# רבי יצחק מענדל ראטענבערג זצ"ל

הגה"ח רבי יצחק מענדל ראטענבערג זצ"ל איז געבוירן געווארן אין פוילן אין יאר תרנ"ה. אלס אינגער בחור'ל האט ער באמערקט ווי זיין מלמד זיצט יעדן טאג און לערנט אין א ספר מיט גרויס התעוררות בשעת טרערן גיסן זיך אים פון די אויגן, נאכדעם פלעגט ער באהאלטן און פארשליסן דעם ספר אין זיין לעדל. דער מלמד איז געווען א שטרענגער מענטש, און ר' יצחק מענדל איז געווען שטארק איבערראשט צו זען ווי ער וויינט אזוי ביים לערנען. זיין נייגער האט אים געטריבן צו וויסן וואס דאס איז, ביז ער האט אנטדעקט דעם וואונדערליכן ספר 'השתפכות הנפש'. דאס איז געווען דער אנהויב פון זיין קשר צום "נחל נובע מקור חכמה", און אויך זיין ברודער - דער גאון ומתמיד ר' משה זצ"ל - איז דעמאלט נתקרב געווארן צו חסידות ברסלב.



ארום דעם יאר תרס"ח איז ר' יצחק מענדל געפארן קיין אומאן, וואו ער האט זיך באקענט מיט הרה"ח ר' אברהם ב"ר נחמן חזן זצ"ל. ר' אברהם האט אים זייער מקרב געווען און אים איבערגעגעבן פילע שיחות און סיפורים פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים. ער האט אויך זוכה געווען צו זיין במחיצתו פונעם גרויסן חסיד ר' אלטער טעפליקער הי"ד, און האט מקבל געווען תורה פון אים.

נאך דעם שרעקליכן פאגראם וואס האט פאסירט אין טעפליק, וואו ר' אלטער איז אומגעקומען על קידוש השם, איז באקאנט געווארן אז די מערדער סטראשען צו פארברענען די אידישע הייזער צוזאמען מיט די קדושים. ר' יצחק מענדל האט זיך דעמאלט ארויסגעלאזט אויף א ווייטע רייזע מיט מסירות נפש קיין טעפליק. ער האט זיך אריינגעכאפט שטילערהייט אין ר' אלטער'ס הויז, ארויסגענומען זיין ריינעם גוף, און אים געברענגט צו קבורה ישראל.

הגה"צ רבי משה אריה ביק זצ"ל, וועלכער איז געבוירן אין מעזיבוזש, האט דערציילט אז די פוילישע ברסלב'ער חסידים וועלכע זענען געפארן קיין אומאן, פלעגן זיך אפשטעלן ביי זיין טאטן אינדערהיים נאכן אריבערגיין דעם גרעניץ. ער האט גוט געדענקט צווישן זיי דעם יונגערמאן רבי יצחק מענדל, וועלכער איז שוין דעמאלטס געווען באקאנט אלס אן עובד ה' מיט א געוואלדיגע דביקות.

נאך די ערשטע וועלט מלחמה איז ער ארויף וואוינען קיין ארץ ישראל, ווי ער האט אינאיינעם מיט זיינע חברים מייסד געווען דעם ברסלב'ער מנין, וואס פלעגט זיך דעמאלטס צונויפקומען אינעם טשארטקאווער בית מדרש. ער איז געווען א

געוואלדיגער בקי אין ש"ס און פלעגט אפט באזוכן אינעם שטוב פונעם ירושלים'ער רב, הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל. אויך האט ער געלערנט בחברותא מיט'ן טעפליקער רב, הגה"צ רבי שמשון אהרן פאלאנסקי זצ"ל.

אין ספר "ימי שמואל" באשרייבט רבי שמואל הורוויץ זצ"ל זיין ערשטע באגעגעניש מיט אים אין צפת בשנת תרפ"ג: "עס איז דארט געווען א נייער גאסט פון חוץ לארץ וואס איך האב נאך נישט געקענט; זיין נאמען איז רבי יצחק מענדל. ער האט מיך געפרעגט צי איך קען 'אלטער בן ציון'. אזוי ווי ער האט אים גערופן בלויז ביים נאמען אן דעם טיטל 'רבי', האב איך געמיינט אז ער איז גאר א מתנגד, דעריבער האב איך אים נישט געענטפערט. אבער שפעטער זענען מיר געווען אינאיינעם אין מירון, מיר האבן געדינט דעם באשעפער אינאיינעם און געטאנצט – דעמאלטס האב איך שוין איינגעזען אז ער איז איינער פון אונזערע" (פרק ע"ט).



ר' שמואל פארציילט ווייטער וויאזוי ר' יצחק מענדל פלעגט אים און זיינע חברים משמח זיין מיט די ווארימע ניגונים וואס ער האט מיטגעברענגט, און מיט זיינע מעשיות איבער די עבודת השם פון די אנדערע חסידים וואס ער האט געקענט. איין מאל, ווען ער האט זיי גערעדט איבער'ן פארן צום ציון הקדוש אין אומאן, האט ער אנגעצינדן אין זיי אזא פייערדיגע בענקשאפט, ביז זיי האבן ביי זיך אפגעמאכט אז מען דארף עס אויספירן וואס שנעלער. דער חסיד ר' שלמה קאולער, וואס איז שוין דעמאלטס געווען אן עלטערער איד, האט אפילו דערקלערט אז ער איז גרייט צו פארקויפן די תכריכים וואס ער האט אנגעגרייט און זיין גאנצע האב-און-גוטס נאר כדי צו קענען פארן קיין אומאן.

ר' יצחק מענדל האט געהאט א גאר שטארקע ידידות מיט די געהויבענע ברסלב'ער חסידים וואס האבן געדינט דעם אייבערשטן ביים ציון פונעם תנא אלקי ר' שמעון בר יוחאי אין מירון – צווישן זיי זענען געווען ר' אלטער בן ציון קראסקאפף, ר' שמואל הורוויץ, ר' ישראל דוב אדעסער, און ר' יעקב זאב ברזעסקי – דאס איז געווען אזא שטארקע קשר אז עס איז זיי געווען גאר שווער זיך צו שיידן איינער פונעם צווייטן.

אין איינע פון די בריוו וואס הרה"ח ר' יצחק מענדל ראטענבערג ז"ל האט געשריבן פאר זיין חבר ר' ישראל דוב אדעסער ע"ה, נאכדעם וואס עס איז אים געבוירן געווארן א זון, שרייבט ער אזוי: "איך בין שטארק פארוואונדערט אז עס זענען שוין דורך צוויי וואכן זינט דו ביסט אהיימגעקומען, און דו האסט מיר נאכנישט געשריבן קיין שום ווארט. פונדעסטוועגן שרייב איך דיר יא, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט אים זוכה זיין אויפצוציען בשעה טובה ומצלחת, אינאיינעם מיט דיין גאנצע הויזגעזונט, לתורה לחופה ולמעשים טובים, און ער זאל זיין פון די ברסלב'ער חסידים..." ווייטער אינעם בריוו האט ער איבערגעגעבן טייערע און הערליכע שמועסן וואס ער האט געהערט פון די זקני אנ"ש, און ער ענדיגט דעם בריוו: "פון מיר, דיין פריינט וואס

האט דיר ליב מיט'ן גאנצן הארץ און נשמה און דאוונט פאר דיר."

ר' יצחק מענדל האט פארמאגט ביי זיך אן אוצר פון כתבי ידות פון די גוריסע פון אונזערע לייט, טייל דערפון האט ער באקומען פון זיין חבר ר' ישראל דוב. אין די שפעטערע יארן האט ר' יצחק מענדל זיך געצויגן קיין אמעריקע, וואו ער האט מייסד געווען די ברסלב'ער שול אין די 'איסט סייד' געגנט.

ער איז נפטר געווארן אין א הויכע עלטער פון זעקס און ניינציג יאר, ה' אייר תשנ"א.

*בילדער: רבי צבי יוסף וואסילסקי ז"ל אין די ערשטע יארן אין אמעריקע. רבי יוסף חיים זאננפעלד.*

המשך פון זייט 12

# אַ טִיפֶע חֲרָטָה

עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן גְרוֹיסְן בּוֹלְדָאזֶער, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן צוּ דֶעם הוֹיז וָואס עֶר הָאט גֶעבּוֹיט פוּן הָאלְצֶערְנֶע בְּלָאקְן.

פִיר שָׁעָה זֶענֶען פַארְבַּיי גֶעפְלוֹיגְן שְׁנֶעלֶער ווִי מְ'מֵיינְט. עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט מַאגְנֶעטְן, גֶעבּוֹיט וֶועגְן אוּן הוֹיפְּט גַאסְן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי צַייט פוּן דַאוֶוענֶען אִיז שׁוֹין לַאנְג אַרִיבֶּער. אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען נַאשׁ פוּן שַׁאנְק אוּן גֶעגֶעסְן אֵיין צוּקֶערְל נָאכְ'ן צְוֵוייטְן. כִּמְעַט אַ גַאנְצֶע טָאג אִיז אַרִיבֶּער, אוּן אֱלִיעֶזֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט גָאר שְׁפֶּעט צוּ דַאוֶוענֶען! דֶעם מָארְגְנְדִיגֶער טָאג הָאט זִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט; עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט גָאר שְׁפֶּעט, אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּ זַיינֶע שְׁפִּילְצַייג וָואס זֶענֶען נָאךְ גֶעלֶעגְן צֶעוָוארְפְן פוּן נֶעכְטְן, אוּן זִיךְ פַארְשְׁפִּילְט דָארְט פַאר לַאנְגֶע שָׁעָה'ן. נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּ מָאלְן מִיט קָאלִירְן אוֹיף גְרוֹיסֶע פַּאפִּירְן. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזוּכְט עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוּן אַסַאךְ זִיסְוַוארְג, גֶעדַאוֶוענְט גָאר שְׁפֶּעט, אוּן כִּמְעַט גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט...

דְרַיי טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אִין וַוייבֶּער שׁוּל הָאט עֶר גֶעזֶען זַיינֶע חֲבֵרִים זִיצְן אוּן הֶערְן אוֹיס אַ גֶעשְׁמַאקְן מַגִּיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי קְהִילָה לְכָבוֹד דִי 'בֵּין הַזְּמַנִּים' טֶעג. עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט צוּהֶערְן, אוּן זַיין הַארְץ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן.

"אִיר ווֵייסְט, טַייעֶרֶע קִינְדֶער," הָאט דֶער מַגִּיד אוֹיסְגֶערוּפְן. "אוּנְזֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז וֶועגְן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז נָאכְגֶעלָאפְן דִי חַיּוֹת אוּן זֵיי גֶעיָאגְט אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז דֶער צַדִּיק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז עֶר יָאגְט בִּכְלַל נִישְׁט נָאךְ קֵיין חַיּוֹת, נָאר זַיינֶע אֵייגֶענֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ מִיר, וֶוען מִיר לוֹיפְן אַ גַאנְצְן טָאג נָאךְ דִי הַבְלֵי הָעוֹלָם אוּן נַארִישְׁקַייטְן, אִיז דָאס נָאר וַוייל מִיר שְׁפִּירְן אַ חִסָּרוֹן אִין אוּנְז. אָבֶער בֶּאֱמֶת, דָאס וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז אֱמֶת'ע שִׂמְחָה אִיז וֶוען מִיר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. וַוייל וֶוער סְ'יָאגְט נָאךְ זַיינֶע שְׁפִּילֶערַייעֶן אוּן דִי וֶועלְטְלִיכֶע תַּאֲווֹת אַ גַאנְצְן טָאג, טוּט דָאס נָאר וַוייל עֶר פִילְט לֵיידִיג. מִיר זֶענֶען נִישְׁט זַאט אוּן צוּפְרִידְן פוּן אוּנְזֶער עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. מִיר מוּזְן אוֹיפְהֶערְן נָאכְצוּיָאגְן דִי נַארִישְׁקַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, וַוייל דָאס זֶענֶען פָּשׁוּט אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז, אַז נָאר תּוֹרָה, מִצְוֹת, חֶסֶד אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אֱמֶת'ע סִיפּוּק."

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה יא'
## דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אוּן דֶער 'בֶּן־שִׁפְחָה'

דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעפוּנֶען (דְהַיְינוּ: דֶער בֶּן־מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט עֶס נָאכְגֶעיָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת): אַ זַאק מִיט בְּרוֹיט! אוּן דָאס אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר חָשׁוּב אִין אַ מִדְבָּר. הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם זַאק אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס – אוּן אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי בְּהֵמוֹת!

דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט אַ מֶענְטְשְׁן – הָאט עֶר זִיךְ אִין דֶער תְּחִילָה [אָנְהֵייבּ] דֶערְשְׁרָאקְן! – נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, הָאט עֶר אַבִּיסְל הֲנָאָה גֶעהַאט [זִיךְ בַּארוּאִיגְט] – וַוייל עֶר הָאט דָא גֶעפוּנֶען אַ מֶענְטְשְׁן!

הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט דֶער מֶענְטְשׁ: וִוי [וִויאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער?! הָאט עֶר צוּרִיקְגֶעפְרֶעגְט יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן: וִוי [וִויאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער?!

הָאט אִים יֶענֶער מֶענְטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ? (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי אֵיינֶער פַארְווּאוּנְדֶערְט זִיךְ) – מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְנְס־עֶלְטֶערְן, זֶענֶען דָא מְגוּדָל גֶעוָוארְן [אוֹיפְגֶעוַואקְסְן] – אָבֶער דוּ, וִוי [וִויאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער? וָוארְן אַהֶער, קוּמְט גָאר קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט פוּן דֶעם יִשּׁוּב!

הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן! – וָוארְן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: אַז דָאס אִיז גָאר קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט! – וָוארְן עֶר זָאגְט: אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען דָא מְגוּדָל גֶעוָוארְן [אוֹיפְגֶעוַואקְסְן] – אוּן [אַז] קַיין מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם יִשּׁוּב קוּמְט [דָאךְ] גָאר אַהֶער נִישְׁט [אִין מִדְבָּר]!

הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: אַז דָאס אִיז גָאר קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט!

נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן – הָאט עֶר אִים גָארְנִישְׁט גֶעטָאן – אוּן עֶר הָאט אִים מְקָרֵב גֶעוֶועזְן! – (דְהַיְינוּ: דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד, הָאט קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט גֶעטָאן, [פַאר] דֶעם בֶּן־מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת)!

אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: וָואס טוּסְטוּ דָא?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: [אַז] עֶר יָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת!

הָאט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים אָנְגֶערוּפְן: הֶער שׁוֹין אוֹיף נָאכְיָאגְן דַיינֶע עֲווֹנוֹת! – וָוארְן דָאס אִיז גָאר קַיין בְּהֵמוֹת נִישְׁט, נָאר דַיינֶע עֲווֹנוֹת פִירְן עֶס דִיךְ אַזוֹי אַרוּם – גֶענוּג שׁוֹין! דוּ הָאסְט שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען דָאס דַיינִיגֶע (כְּלוֹמַר: דַיין שְׁטְרָאף הָאסְטוּ שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען)! – הַיינְט [יֶעצְט], הֶער שׁוֹין אוֹיף זֵיי נָאךְ־צוּ־יָאגְן! – קוּם מִיט מִיר, וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין זַאךְ!

אִיז עֶר מִיט אִים גֶעגַאנְגֶען! – אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, מִיט אִים צוּ רֶעדְן, אוּן צוּ פְרֶעגְן אִים עֶפֶּעס! – וָוארְן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ, טָאמֶער עֶפְנְט עֶר אוֹיף דָאס מוֹיל, אוּן [עֶר] וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען!

אִיז עֶר אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען!

דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט זַיין חַבֶר וָואס עֶר הָאט נָאכְגֶעיָאגְט דָאס פֶערְד!

אוּן תֵּיכֶף וִוי [וֶוען] עֶר הָאט אִים דֶערְזֶעהְן –

הָאט עֶר אִים תֵּיכֶּף אַ ווִינְק גֶעטָאן: אַז דָאס אִיז גָאר קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט, אוּן זָאלְסְט מִיט אִים גָארְנִישְׁט הַאנְדְלְן – וָוארְן דָאס אִיז גָאר קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט!

אוּן [דֶער בֶּן־מֶלֶךְ] אִיז תֵּיכֶּף גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט אִים דָאס אַרַיינְגֶערוּימְט אִין אוֹיעֶר אַרַיין: אַז דָאס אִיז גָאר קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט וְכוּ', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

דֶערְוַוייל הָאט יֶענֶער אַ קוּק גֶעטָאן (דְהַיְינוּ: דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד) – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: [אַז] עֶר [דֶער בֶּן־מֶלֶךְ] הָאט אַ זַאק מִיט בְּרוֹיט אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס!

הָאט עֶר אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן: בְּרוּדֶער, סְאִיז שׁוֹין כַּמָּה טֶעג אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגֶעסְן – גֶעבּ מִיר בְּרוֹיט?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: דָא אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְט קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט – וָוארְן מַיין לֶעבְּן אִיז בִּילְכֶער [פְּרִיעֶר] – אִיךְ בַּאדַארְף דָאס בְּרוֹיט פוּן מַיינֶעט וֶועגְן!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן, אוּן עֶר הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן: אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן, וָואס אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן!

(נָאר אִין דֶער מִדְבָּר, הֶעלְפְט בְּוַודַּאי קַיין שׁוּם גָאבּ [הַאנְדְל] נִישְׁט פַאר בְּרוֹיט)!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: וָואס קֶענְסְטוּ מִיר גֶעבְּן פַאר בְּרוֹיט אִין דֶער מִדְבָּר?!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד, וָואס עֶר הָאט עֶס גֶעבֶּעטְן דָאס בְּרוֹיט – הָאט גֶעזָאגְט צוּ דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי בְּהֵמוֹת, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֶמֶתֶער בֶּן־מֶלֶךְ): אִיךְ גֶעבּ מִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק – אִיךְ פַארְקוֹיף מִיךְ צוּ דִיר פַאר אַ קְנֶעכְט, פַאר דֶעם בְּרוֹיט!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי בְּהֵמוֹת הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]): קוֹיפְן [אוֹיף אָפְּצוּקוֹיפְן] אַ מֶענְטְשְׁן, אִיז כְּדַאי אִים צוּ גֶעבְּן בְּרוֹיט!

הָאט עֶר אִים גֶעקוֹיפְט פַאר אַ אֵייבִּיגְן קְנֶעכְט!

אוּן עֶר [דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי פֶערְד] הָאט אִים גֶעשְׁוואוֹירְן מִיט שְׁבוּעוֹת: אַז עֶר זָאל [וֶועט] אִים זַיין אַ אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט, אֲפִילוּ אַז [וֶוען] זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אִין יִשּׁוּב אַרַיין!

אוּן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן בְּרוֹיט – דְהַיְינוּ: זֵיי זָאלְן בֵּיידֶע עֶסְן פוּן דֶעם זַאק בְּרוֹיט – בִּיז סְוֶועט אוֹיסְגֵיין [דִי בְּרוֹיט]!

אוּן זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם – אוּן זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד!

אוּן דֶער קְנֶעכְט אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען! (דְהַיְינוּ: דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט, אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי בְּהֵמוֹת – וָוארְן עֶר אִיז שׁוֹין זַיין קְנֶעכְט גֶעוֶוען – אוּן זֵיי בֵּיידֶע, זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד)!

אוּן דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין אִים [דֶעם בֶּן־מֶלֶךְ] אַבִּיסְל גְרִינְגֶער גֶעוָוארְן (מַחֲמַת [וַוייל] עֶר הָאט גֶעהַאט שׁוֹין אַ קְנֶעכְט) – אַז [וֶוען] עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אוֹיפְהֵייבְּן עֶפֶּעס אַ זַאךְ, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ טוּהְן – הָאט עֶר גֶעהֵייסְן זַיין קְנֶעכְט: אַז עֶר זָאל עֶס אִים אוֹיפְהֵייבְּן, אָדֶער עֶפֶּעס [אַנְדֶערְשׁ] טוּהְן!

אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד!

זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַ אָרְט – וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים (דְהַיְינוּ: שְׁלֶענְג אוּן

עֶגְדִיסְן)!

הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקְן!

און מַחֲמַת פַּחַד – הָאט עֶר גֶעפְּרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד: וִויאַזוֹי וֶועלְן מִיר דָא אַרִיבֶּערְגֵיין?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אֶלָא־מַאי וִויאַזוֹי וֶועסְטוּ אַרַיין אִין מַיין שְׁטוּבּ?! – און הָאט אִים גֶעוִויזְן זַיין שְׁטוּבּ, וִוי [וִויאַזוֹי] זִי שְׁטֵייט אִין דֶער לוּפְטְן!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים (דְהַיְינוּ: מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד) – און עֶר הָאט זֵיי בְּשָׁלוֹם אִיבֶּערְגֶעפִירְט [אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט] – און עֶר הָאט זֵיי אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט [אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט]

אִין זַיין שְׁטוּבּ אַרַיין – און הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן עֶסְן און טְרִינְקְן – און אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

און דֶער (דְהַיְינוּ: דֶער אֶמֶתֶער בֶּן־מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי בְּהֵמוֹת גֶעטְרִיבְּן) – הָאט זִיךְ גֶעשַׁאפְט [בַּאדִינְט] מִיט זַיין קְנֶעכְט, [אַלֶעס] וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט!

הָאט עֶס דֶעם קְנֶעכְט זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן: וָואס [פַארְוָואס] עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט – פוּן [צוּלִיבּ] אֵיין שָׁעָה וֶועגְן, וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט בְּרוֹיט צוּ עֶסְן – וָוארְן הַיינְט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין וָואס צוּ עֶסְן – און נָאר פוּן [צוּלִיבּ] אֵיין שָׁעָה וֶועגְן, זָאל עֶר זַיין אַ אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט?!

## א שטיקל פון א תפלה אויף ספירת העומר
## (ליקוטי תפלות ח״ב ל״ד)
## טרעף די ווערטער אינעם קעסטל

- זַכֵּנִי לְהַרְבּוֹת בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים בְּכַוָּנָה גְּדוֹלָה וּבְהִתְעוֹרְרוּת נִפְלָא בְּלֵב שָׁלֵם עַד שֶׁאֶזְכֶּה שֶׁתַּשְׁפִּיעַ עָלַי בְּכָל עֵת הֶאָרָה וּקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה מִשַּׁעַר הַחֲמִשִּׁים שֶׁל הַקְּדוֹשָׁה שֶׁהוּא כּוֹלֵל כָּל שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה בְּאֹפֶן שֶׁתּוֹצִיאֵנִי מְהֵרָה מִכָּל הַחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי טֻמְאָה וְתַכְנִיסֵנִי לְכָל הַחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי קְדֻשָּׁה.

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ש | צ | ל | ה | ד | נ | ל | צ | ו | ו | ז | ז | נ | נ | ק |
| מ | מ | צ | י | ל | ה | ק | ח | י | צ | נ | ק | ק | א | פ |
| צ | ש | ק | ד | ת | ק | ת | ז | ח | ק | ט | פ | צ | ס | ה |
| ר | ו | ת | ח | ר | נ | מ | ב | ב | מ | י | ה | א | ב | ז |
| ש | א | ג | ע | ש | ז | ט | ר | מ | ר | ס | ע | כ | ר | פ |
| ה | ז | פ | צ | ט | ט | ב | כ | ל | ע | ט | כ | פ | נ | צ |
| נ | ת | נ | ס | פ | ב | א | ל | ג | פ | ע | ק | ת | כ | ב |
| ה | ב | פ | ר | ת | ק | פ | ר | ו | ה | ל | ג | צ | צ | ז |
| ס | ג | י | ל | ד | ג | ח | ה | ח | ל | פ | ז | ש | ע | א |
| ק | ת | ו | ש | כ | ס | נ | ב | ש | פ | ע | ט | נ | ק | ל |
| ג | ב | א | ש | ר | א | ח | פ | ט | ז | ג | צ | ר | ד | נ |
| פ | ו | נ | כ | ב | ת | ז | ע | ו | י | א | ד | ל | ה | מ |
| ג | כ | ד | י | נ | מ | ו | מ | ג | ד | כ | מ | פ | פ | ת |
| ס | כ | ב | ט | ד | ת | ל | י | ק | א | נ | ג | ק | פ | ט |
| א | פ | ד | ח | ה | ל | נ | ט | ד | פ | ל | ד | ו | צ | ק |

אם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלוועטע מעשה - דער בן מלך און דער בן שפחה (4)

**א. ווער האט געפונען א זאק מיט ברויט?**
- ❑ דער אמת'ער בן המלך
- ❑ דער צווייטער מענטש וואס איז געווען דארטן
- ❑ביידע צוזאמען

**ב. וועמען האט דער אמת'ער בן המלך באגעגנט דארטן?**
- ❑ א מענטש וואס זיינע עלטערן און עלטערנ'ס עלטערן זענען אויפגעוואקסן אין וואלד
- ❑ דער שומר פון וואלד
- ❑ זיין טאטע

**ג. וואס האט דער מענטש אים געענטפערט ווען ער האט געזאגט אז ער יאגט נאך זיינע בהמות?**
- ❑ הער אויף צו נאך יאגן נאכן פערד
- ❑ הער אויף צו נאך יאגן נאך דיינע עוונות
- ❑ הער אויף צו נאך יאגן נאך די בהמות

**ד. פאר וועלכע זאך האט דער אמת'ער בן המלך געגעבן ברויט פאר דער מענטש פון די פערד?**
- ❑ אז ער וועט זיין, זיין קנעכט ביז מ'קומט אין שטאט אריין
- ❑ אז ער וועט זיין, זיין אייביגער קנעכט
- ❑ אז ער וועט אים געבן אסאך געלט

**ה. וואו איז געשטאנען די שטוב פון דער מענטש פון וואלד?**
- ❑ אויף א בוים
- ❑ אין דער לופט
- ❑ אין הימל

**ו. וויאזוי זענען זיי אריין אין דעם שטוב?**
- ❑ זיי זענען אריין געשפרונגען
- ❑ איינער איז ארויף אויפ'ן אנדערן
- ❑ דער מענטש פון וואלד האט זיי אהין געברענגט

**ז. וואס האט פארדראסן פאר דעם קנעכט?**
- ❑ אז ער האט זיך פארקויפט פאר א קנעכט פאר איין שעה וואס ער האט גערדארפט ברויט
- ❑ פארוואס נישט ער האט געטראפן די ברויט
- ❑ אז די פערד איז אים פארלוירן געווארן

**ח. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז וועגן מ'האט עבירות מיינט מען אז מ'דארף שווער ארבעטן (נאכלויפן די בהמות)
- ❑ אז מ'דארףווארטן ביז מ'זעהט די ישועה
- ❑ אז איך בין א בן ה______,א קינד פון דעם______.

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



### טיפער געטראכט

**לויט וואס מיר האבן געלערנט אין די מעשה – פון וויפיל מענטשן האט דער אמתע'ר בן מלך מורא געהאט (זיך דערשראקן) ?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער בן מלך און דער בן שפחה (3)**

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין מעשה י' בערגיך ועני, און ביי אונזער מעשה **"הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען" ?**

אין מעשה י' - פיר מאל

אין מעשה י"א זיבן מאל

דער געווינער אויף בן המלך ובן השפחה 3 איז הילד החשוב יואל נחמן ווייסשטיין כתה ו', ירושלים

צו ענטפערן די בחינות און ארייננגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02     646-585-3040

# שַׂבְּעֵנוּ מִטּוּבֶךָ

דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט וַוייטֶער נָאכְגֶעיָאגְט דִי בְּהֵמוֹת אִין וַואלְד, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן אַלְץ וַוייטֶער און וַוייטֶער. יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אָפּ צוּ עֶסְן און וֶוען עֶר הָאט זֵיי פְּרוּבִּירְט צוּ כַאפְּן, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ צוּרִיק אַנְטְלָאפְן. עֶר אִיז זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן. דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי גֶעשְׁרַייעֶן פוּן דִי חַיּוֹת אִין וַואלְד, אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיף אַ בּוֹים, וואוּ עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ לִיגְן. עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט בְּהֵמוֹת וָואס זֶענֶען אַנְטְלָאפְן. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים דֶערְצֵיילְט זַיין מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז דָא וַוייל עֶר אִיז נָאכְגֶעלָאפְן זַיין פֶערְד וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אָפְּצוּרוּעֶן.

אִינְדֶערְפְרִי וֶוען סְ'אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט דִי בְּהֵמוֹת. זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען און אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּיָאגְן דִי בְּהֵמוֹת מִיטְ'ן פֶערְד. דִי בְּהֵמוֹת זֶענֶען אַנְטְלָאפְן וַוייטֶער טִיפֶער אִין וַואלְד. אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַ זֶעקְל מִיט בְּרוֹיט, און דַאן הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ. יֶענֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִויאַזוֹי בִּיסְטוּ אַהֶערְגֶעקוּמֶען?" עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר יָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת וָואס זֶענֶען אַנְטְלָאפְן. הָאט אִים דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט: "הֶער אוֹיף נָאכְצוּיָאגְן דִי עֲבֵירוֹת! דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין בְּהֵמוֹת; דָאס זֶענֶען דַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס פִירְן דִיךְ אַזוֹי צוּ בְּלָאנְדְזְשֶׁען. גֶענוּג! קוּם מִיט מִיר, און דוּ וֶועסְט גֶעפִינֶען וָואס סְ'אִיז בֶּאֱמֶת גוּט פַאר דִיר."

דֶער טָעוּת אִיז נִתְגַּלֶּה גֶעוָוארְן, און דִי בּוּשָׁה אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס. בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז עֶר יָאגְט נָאךְ פַארְלוֹירֶענֶע חַיּוֹת, הָאט אִים דֶער 'וַואלְד-מֶענְטְשׁ' - דֶער צַדִּיק - אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז דָאס זֶענֶען גָארְנִישְׁט קֵיין חַיּוֹת, נָאר זַיינֶע עֲבֵירוֹת! דַאן הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "קוּם מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס סְ'אִיז בֶּאֱמֶת גוּט פַאר דִיר."

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי 'בֵּין-הַזְּמַנִּים' טֶעג, און אֱלִיעֶזֶר'ל הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעאַיילְט אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי. קֵיין חֵדֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, דֶער טֶענְדֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעקֶענְט וַוייטֶער שְׁלָאפְן רוּאִיג. עֶרְשְׁט אוּם 10:33 הָאט עֶר זִיךְ פוֹילֶערְהֵייט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּילְן מִיט זַיינֶע צְוֵויי בַּאלִיבְּטֶע גְרוֹיסֶע טְרַאקְטָארְס. אֵיינְס אִיז גֶעפָארְן פָארְאוֹיס, דָאס צְוֵוייטֶע צוּרִיק; אֵיינְס הָאט גֶעהוֹיבְּן און דָאס צְוֵוייטֶע הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט. דֶערְנֶעבְּן הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קֶעסְטְל מִיט בָּאלְס (טאבעס), וָואס

המשך אויף זייט 7



חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע״י
הר״ר **ישראל יעקב קעניג** הי״ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב לע״נ
האשה הח׳
**חיה בת ר׳ שלום ע״ה**